ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## חג הפסח

(חלק כז)

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע חג הפסח, טו־כא ניסן, ה׳תשפ״ה (א)

# Likkutei Sichot

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# חג הפסח

א.ביים סיום פון דעם „סדר עשיית מצות אלו בליל חמשה עשר"[1] נאָכן כוס רביעי זאָגט דער רמב"ם[2]: „ויש לו למזוג כוס חמישי ולומר עליו הלל הגדול והוא מהודו לה' כי טוב[3] עד על נהרות בבל. וכוס זה אינו חובה כמו ארבעה כוסות".

דער מקור אויף כוס חמישי[4] איז אין ברייתא[5] לויט די גירסת הגאונים[6]: חמישי אומר עליו הלל הגדול דברי ר' טרפון[7].

שטייט אין ספר רבינו מנוח אויפן רמב"ם: „מהא שמעינן דאסור למשתי יין אחר ארבע כוסות דאי ס"ד דשרי אמאי מצרכינן לי' למימר עליו הלל הגדול אלא לאו ש"מ דאין לו לשתות אבל אם רצה לשתות צריך לומר על אותו כוס דומיא דרביעי מענינא דהללא ומענינא דיציאת מצרים ובלאו הכי אסור לשתות".

פון דברי רבינו מנוח איז פאַרשטאַנ־דיק, אַז ער לערנט דברי הרמב"ם אַז דער כוס חמישי איז אַן ענין פון רשות[8], „ויש לו למזוג" מיינט אַ היתר — „אם רצה לשתות צריך לומר על אותו כוס כו'". ווי די שיטה פון כמה גאונים[6], אַז כוס חמישי איז רשות ממש, ס'איז אינגאַנצן תלוי ברצונו.

אָבער דער פירוש איז לכאורה ניט גלאַטיק אין לשון הרמב"ם, וואָרום דער רמב"ם איז מסיים (כנ"ל) „וכוס זה אינו **חובה** כמו ארבעה כוסות". **אויב מ'זאָל זאָגן אַז לויטן רמב"ם איז דער כוס חמישי כלל ניט בגדר חובה האָט דער רמב"ם געדאַרפט זאָגן בקיצור „וכוס זה אינו חובה"[9]. פון אריכות לשון הרמב"ם איז משמע, אַז אויך דער כוס חמישי האָט אין זיך „חובה", ס'איז נאָר וואָס „אינו חובה** כמו ארבעה כוסות" **— ער**

1) רמב"ם הל' חמץ ומצה רפ"ח.

2) שם ה"י.

3) תהלים פרק קלו.

4) הדיעות והשקו"ט בכוס חמישי — ראה טור או"ח סתפ"א ובב"י שם. אנציקלופדי' תלמודית ערך ארבע כוסות. בארוכה הגדה שלמה (להר"מ כשר) בסופו. תו"ש מילואים לחלק ט ס"א.

5) פסחים קיח, רע"א.

6) ראה הנסמן בהערה 4.

7) בב"י שם בתחלתו: הרי"ף והרמב"ם גורסין בברייתא כוס ה' אומר עליו הלל הגדול. ובהגדה של פסח למהר"ל קרוב לסופה (לשון לימודים — דין כוס ה'): כך הוא גירסת כל המפרשים רק הרשב"ם לא גרס כוס ה' רק כוס ד' כו' ודבריו בטלים נגד כל המפרשים. אבל להעיר שכגירסת הרשב"ם הוא גם ברש"י שם ותוד"ה רביעי (הנדפס שם קיז, ב).

8) וכ"ה בשלטי גבורים פסחים שם: ומיי' וסמ"ג וטור כתבו שהוא רשות. ובמעשה רוקח על הרמב"ם כאן מביא עדותו של הר"א בן הרמב"ם: ואבא מארי ז"ל הי' נוהג שאחר גמר ההלל הי' סומך לו ההלל הגדול על כוס רביעי ואח"ז מברך ברכת השיר ואח"כ בפ"ה ושותה כוס רביעי והי' מכוין לכלול קריאת הלל הגדול על כוס של יין וגם שלא להוסיף על ארבעה כוסות ע"כ (וממשיך במעשה רקח) ולפ"ז צ"ל דמ"ש רבינו אח"ז ויש לו למזוג וכו' הכוונה דמעיקר הדין אין איסור להוסיף אמנם הנכון שלא להוסיף. וראה לקמן הערה 10.

9) או שגם תיבות אלו מיותרות. דמכיון שלשון הרמב"ם „ויש לו" בכ"מ מורה על היתר לא על חיוב (ראה לדוגמא הל' תפלה פ"ג ה"ד. ה"ז. ועד"ז בכמה מקומות בספרו), אינו צריך להסיום „וכוס זה אינו חובה". ועוד דאז הו"ל להרמב"ם לומר „ורשאי למזוג" או „ויכול" וכיו"ב (ראה עד"ז ברמב"ם הוצאת פרענקל בשינוי נוסחאות גירסא „ויכול" „רשאי" בסוף דברי הרמב"ם כאן „ויש לו לגמור את ההלל כו'").

איז ניט אויף אַזויפיל „חובה״ כמו ארבעה כוסות[10].

וכ״מ בר״ן אין פסחים[11] וועלכער שרייבט בדברי ר׳ טרפון:

דד׳ כוסות חובה וחמישי רשות ואם רצה לשתות אומר עליו הלל הגדול, אי נמי דמצוה מן המובחר[12] לשתות כוס חמישי ולומר עליו הלל הגדול והיינו לישנא דאומר עליו הלל הגדול וכך מטין דברי הרמב״ם ז״ל בפרק אחרון מהלכות חמץ ומצה,

היינו אַז ער לערנט דעת הרמב״ם, אַז דער כוס חמישי איז מצוה מן המובחר[13], און דערפאַר איז דער רמב״ם מוסיף „וכוס זה אינו חובה כמו ארבעה כוסות״ — אַז אע״פ אַז „יש לו למזוג״ (ס׳איז אַ מצוה מן המובחר), פונדעסטוועגן, „וכוס זה אינו חובה כמו ארבעה כוסות״.

אָבער אויך דער פירוש איז לכאורה ניט אינגאַנצן גלאַטיק אין לשון הרמב״ם, ווייל עפ״ז וואָלט דער רמב״ם געשריבן בפירוש (וכלשון הרגיל בכמה מקומות): ומצוה מן המובחר למזוג כוס חמישי ולומר עליו הלל הגדול (וכיו״ב).

פון לשון הרמב״ם איז משמע, אַז עס איז טאַקע דאָ אין דעם אַ חיוב, אָבער ס׳איז ניט ממש אַ מצוה (עכ״פ) מן המובחר (און דערפאַר זאָגט דער רמב״ם נאָר „ויש לו למזוג כו׳״)[14].

ב. וועט מען דאָס פאַרשטיין ע״פ דיוק הלשון אין דברי הרמב״ם:

בנוגע צו די ד׳ כוסות פסק׳נט דער רמב״ם[15]: כל כוס וכוס מארבעה כוסות הללו מברך עליו ברכה בפני עצמה (און ברענגט אויך וואָס מ׳זאָגט אויף יעדן פון די ד׳ כוסות), און דערנאָך — אין דעם „סדר עשיית מצות אלו בליל חמשה עשר״[1] איז ער מפרט ביי יעדן כוס אַז ער איז „שותה״: ביים כוס ראשון — „מברך בורא פרי הגפן ואומר עליו קידוש היום וזמן ושותה״[1], ביים כוס שני „ומברך בורא פרי הגפן ושותה הכוס השני״[16], בכוס שלישי „מברך ברכת המזון על כוס שלישי ושותהו״[17], ביים כוס רביעי „מברך בורא פרי הגפן ואינו טועם אחר כך כלום״[17].

ביי כוס חמישי אָבער זאָגט דער רמב״ם נאָר (כנ״ל) „ויש לו למזוג כוס חמישי ולומר עליו הלל הגדול״ און ער איז ניט מסיים „מברך בורא פרי הגפן ושותה״[18].

---

10) ומה שהרמב״ם — בפועל לא מזג כוס חמישי (ע״פ עדות בנו הנ״ל) אף שפסק כן בספרו כנ״ל, צע״ג, והחשש שהרואה יטעה שצריך לשתות חמשה כוסות — לא מצינו כיו״ב שזה יפטרו מחיוב שעליו. — ואולי חזר בו מהפס״ד בספרו (ודלא כפי׳ המעשה רוקח — שבלאה״כ צע״ג איך אפשר ליישבו בלשון הרמב״ם).

ובכל אופן צע״ג שלא העיר הר״א על הסתירה ממש״כ בס׳ הי״ד. וראה לקמן הערה 48.

11) הובא (בחלקו) בב״י שם.

12) ראה גם השגות הראב״ד לרי״ף פסחים שם: ומצוה לעשות כדבריו (כדברי ר״ט) . . ות״ק נמי לא יפחתו לו מד׳ כוסות קאמר אבל הוסיף עליהם חמישי הרי זה משובח. וראה בארוכה הגדה שלמה שם.

13) אבל י״ל דמ״ש הר״ן „וכך מטין דברי הרמב״ם״ קאי רק על כללות דבריו, שמפרש בגמ׳ שר׳ טרפון אינו חולק עם תנא דידן, ולא כדעת בעל המאור שם.

14) ואולי י״ל דלכן כתב „וכך מטין דברי הרמב״ם״, היינו שרק נוטין לצד זה היינו דלא הוי רשות, אבל אין דעת הרמב״ם דהווי מצוה (מן המובחר).

15) הל׳ חמץ ומצה פ״ז ה״י.

16) שם פ״ח ה״ה.

17) שם ה״י.

18) ודוחק לומר הפי׳ ברמב״ם דמכיון שכוס זה אינו חובה כמו ארבעה כוסות לכן אין מברכין עליו בפה״ג בפ״ע (ראה גם טאו״ח סו״ס תפו. הגש״פ למהר״ל לשון לימודים דין ברכת הכוסות

וע"פ הידוע גודל הדיוק של הרמב"ם בלשונו, איז דערפון מובן, אַז דאָס גופא איז כוונתו לדייק, אַז דעם כוס חמישי איז מען ניט שותה, מען איז אים נאָר מוזג און מ'זאָגט אויף אים הלל הגדול.

און ווי ס'איז אויך מובן מדבריו לפנ"ז: „ואח"כ מוזג כוס רביעי וגומר עליו את ההלל . . ומברך בורא פרי הגפן **ואינו טועם** אחר כך כלום **כל הלילה**, חוץ מן המים" — איז דאָך פשוט אַז דער רמב"ם וועט תיכף בהמשך דבריו ניט זאָגן היפך מזה, אַז מ'טרינקט אַ כוס יין גלייך נאָך כוס רביעי.

**ג. ויש לומר הביאור בזה:**

דער רמב"ם לערנט ווי די דיעות[19] וואָס זיינען מפרש אַז ר' טרפון איז מחולק מיט דעת התנא דידן, צי מ'איז מחוייב אין ארבעה כוסות אָדער חמשה כוסות. ולפ"ז דאַרף לכאורה אויסקומען אַז הלכה כדעת תנא דידן און מ'איז מחוייב נאָר אין ארבעה כוסות. לאידך אָבער געפינט מען אַז די גמרא איז שקו"ט אליבא דר"ט[20] וואָס מען זאָגט אויף דעם כוס ה' („מהיכן הלל הגדול"),

— אלא שלדעתם אין מברכין בפה"ג על כל כוס, משא"כ לדעת הרמב"ם), כי מכיון שהרמב"ם מסיים לפנ"ז „ואינו טועם אחר כך כלום כל הלילה חוץ מן המים" יש לומר שהוא כדין נמלך שאז צריך לברך (ראה ר"ן פסחים קט, סע"ב (סד"ה לענין על הגפן). וראה בפרטי הדינים ד „נמלך" בשו"ע אדה"ז או"ח סי' קעד. ועצ"ע). — ובכל אופן הול"ל „ושותה".

19) בעל המאור שם. וראה רא"ש שם סל"ג, הטעם שהרשב"ם גרס רביעי „ואם בא לומר כוס חמישי רשות ואם ירצה יעשה כוס חמישי הכי הוה לי' למימר הרוצה לעשות כוס חמישי אומר עליו הלל הגדול אבל לפי גירסת הספרים משמע דלר' טרפון וי"א כוס חמישי הוה לי' חובה כו'".

20) ראה מלחמות ור"ן שם. אלא דלדעתם, כיון דשקלו וטרו אמוראי בר"ט אלמא דהלכתא כוותי'. ראה לקמן בפנים ס"ד.

און דערפון איז משמע אַז דעת ר"ט איז יע אָנגענומען להלכה.

ווי זאָל מען זיך פירן בפועל? לכאורה וואָלט מען געקענט זאָגן אַז וויבאַלד אַז ס'איז אַ ספק זאָל מען מחמיר זיין כדעת ר"ט און טרינקען אַ כוס חמישי[21]. אָבער מען קען אַזוי ניט טאָן, ווייל לדעת חכמים אַז מ'איז מחוייב בלויז אין פיר כוסות, טאָר מען ניט **טרינקען** אַ כוס חמישי (ווי דער רמב"ם זאָגט אַז נאָכן קיום מצות ד' כוסות „אינו טועם **אחר כך כלום** . . **חוץ מן המים**").

איז דער רמב"ם מכריע: „ויש לו למ־זוג כוס חמישי" ותו לא — מ'זאָל אים ניט טרינקען,

ובמילא האָט מען צוויי זאַכן: מען טרינקט נאָר פיר כוסות, מ'איז מוזג אַ כוס חמישי צו יוצא זיין דעת ר"ט.

לכאורה וואָס האָט מען פון מוזג זיין אַ כוס (חמישי) אויב מען טרינקט אים ניט?

געפינט מען דוגמתו בהלכה — מזיגת כוס ואמירה עליו און מען טרינקט אים ניט:

סעודה בערב שבת וועלכע האָט זיך אַריינגעצויגן אין שבת, איז, לכמה דיעות, זאָגט ער ברכת המזון אויף אַ כוס, אע"פ אַז מען קען ניט טרינקען דעם כוס (ביז נאָך קידוש)[22] — ועד"ז איז אויך בנוגע די כוסות פון ליל פסח.

בכלל זיינען פאַראַן אין דעם צוויי ענינים[*22]: א) די שתיית הכוסות, ב) דאָס וואָס די חכמים האָבן מתקן געווען צו זאָגן אויף יעדערן פון די (פיר) כוסות,

21) ראה בעל המאור שם.

22) ראה טושו"ע (ואדה"ז) או"ח סרע"א ס"ו (סי"ב). וראה רמב"ם הל' שבת פכ"ט הי"ג.

*22) ועיין שו"ע אדה"ז או"ח סק"צ ס"ד.

און דערפאַר פסק'נט דער רמב"ם, אַז בנוגע כוס חמישי דאַרף מען מוזג זיין דעם כוס "ולומר עליו הלל הגדול" (אע"פ אַז מ'קען אים ניט טרינקען), צו יוצא זיין דעת ר"ט עכ"פ בענין זה[23].

ד. ועוד יש לומר:

דער רמב"ם לערנט (ווי כו"כ מפרשים[24]) אַז ר"ט איז ניט מחולק מיט דעת הת"ק (אַז די מצוה צו טרינקען איז נאָר אויף ד' כוסות),

און דער פשט אין דברי ר"ט (לגירס־תו) "חמישי אומר עליו הלל הגדול" איז – אַז ער דאַרף (בלויז) מוזג זיין דעם כוס "ולומר עליו הלל הגדול"[25], אָבער ניט טרינקען אים.

ומילתא בטעמא: דער כוס חמישי איז אויסגעטיילט און איז אַנדערש פון די אַנדערע פיר כוסות אין דעם גדר קיום המצוה, און אַוודאי אינעם ענין החפצא של מצוה:

וועגן די פיר כוסות זאָגט די גמרא[26] "ארבע כסי תיקנו רבנן דרך חירות כל חד וחד נעביד בי' מצוה", און ווי דער רמב"ם זאָגט פריער[15] – "כל כוס וכוס מארבעה כוסות הללו מברך עליו ברכה בפני עצמה, וכוס ראשון אומר עליו קדוש היום, כוס שני קורא עליו את ההגדה, כוס שלישי מברך עליו ברכת המזון, כוס רביעי גומר עליו את ההלל ומברך עליו ברכת השיר".

ד.ה. אע"פ שי"ל אַז (אויך) לדעת הרמב"ם "כל אחד ואחד (פון די פיר כוסות) הוא חירות ומצוה בפ"ע" (כלשון אדה"ז בשולחנו[27]), אעפ"כ זיינען זיי אַלע אין דעם זעלבן גדר וסוג מצוה: א) די מצוה השווה בכל ד' כוסות – שתי' לחירות, ב) באַ יעדן איינעם פון זיי אַן אַנדער מצוה באמירה ובברכה עליו.

משא"כ דער כוס חמישי איז ניט אינעם גדר פון קיום מצות ד' כוסות: דעם כוס ה' איז מען א) ניט שותה; ב) די אמירה עליו איז ניט בסוג האמירה אויף די ד' כוסות – לדעת הרמב"ם[28] איז מען די אמירה אויף כוס חמישי ניט חותם בברכה[29], משא"כ די אמירה אויף די ד' כוסות איז מען חותם יעדערע פון זיי מיט אַ ברכה[30].

[ואולי יש לומר, אַז דער כוס חמישי וואָס ער זאָגט דערויף הלל הגדול, פון "הודו לה' כי טוב עד על נהרות בבל", איז אַ הלל והודאה אויף כללות ד' הכוסות שקיים מצותם, ובכללות יותר – אַ הודאה אויף כל המצות ועשיות וואָס מ'האָט מקיים געווען בלילה הזה. ואכ"מ].

ה. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין דיוק לשון הרמב"ם "ויש לו למזוג כוס

23) ואולי י"ל שבזה אין חשש גם לת"ק – גם לא חשש דלא תוסיף (ע"ד במ"ע מה"ת ד' פרשיות דתפלין) כיון שמחלקו, ואינו שותהו.

24) ראה מלחמות, ר"ן וראב"ד. ובכ"מ.

25) להעיר מחידושי רבינו דוד בונפיד לפסחים שם: ועיקר מלתי' דר' טרפון לא הויא בעיקר שתיית כוס חמישי אלא במה שהוא אומר עליו. אלא שלדעתו "ר"ט לא מצריך כוס חמישי לחיובא אלא שאם רצה לשתות הרשות בידו לשתות כוס חמישי".

26) פסחים קיז, סע"ב.

27) סתע"ד ס"ב.

28) משא"כ לשאר דיעות הגאונים כו' – ראה טור שם (סתפ"א. וראה גם סו"ס תפו) ובהמובא בהגדה שלמה (שבהערה 4) ס"ה.

29) ראה שלטי הגבורים לרי"ף פסחים שם: ומדברי רבינו וגם מדברי מיי' מוכח דאין חותמים בשום ברכה כשעושה כוס חמישי.

30) כדברי הרמב"ם בכוס א' דקידוש – רפ"ח, ובכוס ב' – שם ה"ה, ובכוס ג' ובכוס ד' – שם ה"י.

חמישי" (און זאָגט ניט „מצוה מן המובחר למזוג כוס חמישי" וכיו"ב):

דער לשון „מצוה מן המובחר" (בדרך כלל) באַדייט אַז דאָס איז אַ הוספת שלימות אין קיום מצוה זו[31]; נאָכמער: דאָס מיינט — ניט נאָר הוספת „מובחר" אין קיום המצוה ע"י הגברא, נאָר מצוה מן המובחר, די מעלה „מן המובחר" איז אין דער חפצא דהמצוה

[וע"ד לשון הרמב"ם[32] בנוגע נרות חנוכה[33]: מצותה שיהי' כל בית ובית מדליק נר אחד . . והמהדר את המצוה כו' והמהדר יותר על זה ועושה מצוה מן המובחר מדליק נר לכל אחד בלילה הראשון ומוסיף והולך בכל לילה ולילה נר אחד" — וואָס דער הידור דאָרטן איז אַן אויפטו אין מצות נר חנוכה גופא; אין דער חפצא דנרות חנוכה (כמבואר במ"א[34])]

און וויבאַלד אַז לשיטת הרמב"ם איז דער כוס חמישי ניט אינעם גדר פון מצות ד' כוסות, איז ניט שייך צו זאָגן אַז דער כוס ה' איז „מן המובחר" אין מצות (ד') כוסות,

און דערפאַר זאָגט דער רמב"ם „ויש לו למזוג כוס חמישי" — אַלס אַ באַזונ־דער ציווי וחיוב, אַן אַנדער לשון „ויש לו".

און דערפאַר איז דער רמב"ם מאריך בלשונו „וכוס זה אינו חובה כמו ארבעה כוסות" — ער איז מדגיש אַז דער כוס חמישי איז ניט חובה ווי די אַנדערע כוסות נאָר מער ניט ווי „ויש לו". וכנ"ל.

ו. והנה יש אומרים[35], אַז דאָס וואָס מען נעמט כוסו של אליהו איז פאַרבונדן מיט כוס חמישי — וויבאַלד ס'איז דאָ אַ פלוגתא אין גמרא צי מ'דאַרף האָבן אַ כוס חמישי און לא אפסקא הלכתא, דערפאַר, מחמת ספק, איז מען מוזג דעם כוס חמישי און מ'טרינקט אים ניט. און דערפאַר רופט מען דעם כוס — כוסו של אליהו, אָנדייטנדיק דערמיט, אַז ווען אליהו וועט קומען און וועט מברר זיין אַלע ספיקות, וועט אויך דער ספק, וועגן דעם כוס נתברר ווערן.

פון „חק יעקב" און דעם אַלטן רבי'נס שו"ע איז אָבער מוכח אַז דאָס זיינען צוויי באַזונדערע ענינים: דער אַלטער רבי ברענגט אין זיין שו"ע[36] (דעם פסק הרמ"א[37]) „אחר ד' כוסות נהגו כל ישראל מדורות הראשונים שלא לשתות יין . . אם לא לצורך הרבה כגון שהוא איסטניס או שהוא תאב הרבה לשתות . . ואם אין לו שאר משקין רק יין יש להתיר לו לשתות כוס חמישי ולומר עליו הלל הגדול ונשמת וישתבח עד החתימה".

און אין פריערדיקן סימן זאָגט דער אַלטער רבי[38] (פון חק יעקב[39]) „ונוהגין

31) ראה גם לקו"ש חט"ז ס"ע 187 ואילך — בנוגע לשון „מצוה מן המובחר" שבשו"ע אדה"ז או"ח סתקכ"ז סכ"ה.

32) הל' חנוכה פ"ד ה"א.

33) להעיר בהשייכות לענינינו — ד' כוסות — ממ"ש במגיד משנה לרמב"ם שם הי"ב דמ"ש הרמב"ם „אפילו אין לו מה יאכל . . שואל או מוכר כסותו ולוקח שמן ונרות ומדליק" — „נראה שלמדו ממה שנתבאר פ' ז' מהל' חו"מ (ה"ז) שאפילו עני שבישראל לא יפחות מד' כוסות והטעם משום פרסומי ניסא. וכ"ש בנ"ח כו'".

34) ראה לקו"ש ח"כ ע' 209. ובהערה 14 שם, די"ל שזהו החילוק בין לשון „מהדרין" ולשון „מצוה מן המובחר" (וכלשון הרמב"ם שם).

35) כן הובא בס' טעמי המנהגים (ח"א עניני פסח) סי' תקנא בשם הגר"א. וראה לקמן הערה 40.

36) סי' תפא ס"א.

37) שו"ע או"ח שם.

38) סי' תפ ס"ה בסופו.

39) שם סק"ו.

במדינות אלו **למזוג כוס א׳ יותר מהמסובין וקורין אותו כוס של אליהו הנביא״.**

**פון דעם איז מובן אַז דאָס זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן לגמרי — ועד כדי כך**

**א) אַז זיי שטייען, זיינען פאַנאַנדער־געטיילט, אין צוויי באַזונדערע סימנים;**

**ב) זיי ווערן אָנגערופן מיט אַנדערע שמות („כוס של אליהו״ און „כוס חמישי״)**

**און זיי האָבן אין זיך פרטים ודינים שונים זמ״ז: „לשתות כוס חמישי״ האָט מען מתיר געווען למי שצריך כו׳ און דעמאָלט דאַרף ער זאָגן עליו הלל הגדול כו׳ משא״כ כוס של אליהו „**נוהגין **במדינות אלו״ (ניט נאָר אַז יש** להתיר).

**ג) חילוק הכי גדול — מ׳איז מוזג נאָר „כוס** אחד **יותר מהמסובין״ ושייך לסדר כל המסובים, ניט קיין כוס לכל אחד, משא״כ דער כוס חמישי, וואָס מ׳האָט מתיר געווען צו** יעדן **איינעם (וועלכער דאַרף דערצו אָנקומען).**

**ומזה מובן אויך בנוגע להרמב״ם ושיטתו אין כוס חמישי (וואָס האַלט, כנ״ל, אַז ס׳איז ניט סתם אַ היתר אָדער רשות, נאָר** ויש לו **— חיוב), אַז דאָס איז ניט אַ חיוב פון** איין **כוס פאַר** אַלע **מסובין, נאָר אַ כוס פאַר כל אחד וואָס איז מקיים מצות ד׳ כוסות, וכדיוק לשונו „יש** לו **למזוג״, אפילו ניט „יש למזוג (סתם) כוס חמישי״**[40].

**ז. אַ ביאור (בדרך אפשר) בפנימיות הענינים, וואָס**

**אַ) כוס חמישי און כוסו של אליהו זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן, בעניניהם ודיניהם כנ״ל; און נאָכמער**

**ב) מ׳געפינט אין זיי ענינים** הפכים **— בכוס חמישי פסק׳נט דער רמב״ם: ויש לו למזוג כוס חמישי, אָבער לפועל איז מען זיך ניט נוהג אַזוי, און שו״ע איז דער פסק הלכה**[41] **אַז ס׳איז נאָר אַ היתר לאיסטניס אָדער אַ „תאב . . לשתות״**[42]**; בנוגע כוס של אליהו איז היפך הדבר:** דער **כוס ווערט ניט דערמאָנט אין גמרא און ראשונים, נאָר בלויז אין אחרונים און דווקא דער כוס איז געוואָרן אַ מנהג בכל תפוצות ישראל.**

**וי״ל די הסברה בזה: מען געפינט אַ צד השווה אין די צוויי כוסות וואָס (לפי הנ״ל) מען טרינקט זיי ניט, מ׳איז זיי נאָר מוזג. וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַז ביידע זיינען פאַרבונדן מיט אַזאַ עבודה ומדריגה וועלכע איז העכער פון עבודת האדם במעשה בפועל (בשתי׳).**

**און דאָס איז דער פירוש (פנימי) אין דעם וואָס דער רמב״ם איז מסיים „וכוס זה** אינו חובה **כמו** ארבעה כוסות**״ — דאָס איז פאַרבונדן מיט דער מדריגה וועלכע איז העכער פון חובה (וכידוע הביאור**[43] **בענין תפלת ערבית רשות)**[44].

40) בהגדה של פסח למהר״ל שם (בדברי נגידים): ולפיכך נראה לי שכוס ה׳ די שישתה אותו רק ראש הבית בלבדו . . ובזה יובן הטעם שנוהגים לעשות כוס ה׳ מן הכוס שהכינו מקודם לכבודו של אליהו הנביא כו׳. אבל אי״ז כפי דעת הרמב״ם באם נפרשה שאינו שותה הכוס, כנ״ל סוס״ג, ושהוא מוזגו לכ״א בפ״ע מהשותים ד׳ כוסות, כפשטות לשונו, ולא כפי ההלכה שנפסקה בשו״ע אדה״ז דהוי ב׳ ענינים, כ״א בפ״ע.

41) והב״י בשולחנו לא הביאו בכלל.

42) ולהעיר שגם הרמב״ם עצמו לא נהג בזה בפועל כעדותו של בנו הר״א בן הרמב״ם, כנ״ל הערה 8. וראה לקמן הערה 48.

43) ראה לקו״ת סוכות פ, סע״ג. שה״ש כד, ב. ביאוה״ז לאדמו״ר האמצעי (יג, סע״ד ואילך) ולהצ״צ (ח״א ע׳ פח ואילך).

44) ראה אוה״ת וארא (כרך ז) ס״ע ב׳תקפח. אוה״ת לך (כרך ד) תרדע, סע״א. וראה גם הגש״פ למהר״ל כאן (דברי נגידים בסופו).

און אַזוי איז אויך בנוגע לכוסו של אליהו, וועלכער איז פאַרבונדן מיט דעם ענין הגאולה, וואָס איז העכער פאַר עבודת האדם.

ח. אעפ״כ איז דאָ אַ חילוק ביניהם: כוס חמישי איז מדגיש אַז דאָס איז אַן ענין וואָס קומט בהמשך (חמישי) לעבודת האדם, משא״כ כוסו של אליהו איז אַ באַזונדער זאַך, ער קומט ניט אַלס חמישי והמשך צו די ד׳ כוסות — די עבודה שלפנ״ז.

וי״ל הביאור בזה:

די המשכה שע״י כוס חמישי קומט דוקא (דורכדעם און) נאָכדעם ווי ס׳איז דאָ די שלימות עבודת האדם לפנ״ז, ע״ד המבואר וועגן דער אתעדל״ע הג׳ וואָס ווערט נמשך דוקא נאָך דעם ווי דער אדם גרייט צו אַן „אתר שלים״[45].

און דעריבער ווערט דער כוס חמישי דערמאָנט אין גמרא און זמן הגאונים והרמב״ם, און אין יענע זמנים האָבן זיך אַנדערע נוהג געווען יעדערער פאַר זיך (ועבודתו) למזוג כוס חמישי — ווייל[46] זייער עבודה — דהראשונים כמלאכים כו׳ ואכשור דרי — בתמי׳[47] — בליל הסדר ובשתיית ד׳ כוסות איז געווען אין אַ העכערן אופן, ובשלימות, ובמילא איז זייער עבודה געווען אַ כלי אויף אויפ־נעמען די המשכה פון דער מדריגה (החמישית) וועלכע איז פאַרבונדן מיט כוס חמישי[48].

משא״כ בדורותינו אלה, דעקבתא דמשיחא, וואָס די עבודה איז ניט אויף אַזויפיל בשלימות אַז זי זאָל זיין אַ כלי ראוי׳ (אתר שלים) צו דער העכערער מדריגה, דערפאַר איז כוס חמישי ניט נוהג בדורותינו.

אָבער כוסו של אליהו איז פאַרבונדן מיט דער אמונה פון אידן בביאתו [ווי פאַרשטאַנדיק פון המשך דברי אדה״ז, אַז די הנהגה בנוגע לכוסו של אליהו זאָגט דער אַלטער רבי בהמשך צו התחלת הסעיף[49] „ובקצת מקומות נוהגין שלא לנעול החדרים שישנים שם בליל פסח כי הוא ליל שמורים לכל בני ישראל לדורותם להוציאם מגלות הזה ואם יבא אליהו ימצא פתח פתוח ונצא לקראתו במהרה ואנו מאמינים בזה ויש באמונה זו שכר גדול . . ונוהגין במדינות אלו כו׳״. וואָס דערפון איז מובן ופשוט אַז דאָס איז קשור ושייך צו דער אמונה אין דער גאולה העתידה],

וואָס די אמונה איז דאָ באַ יעדן אידן, וועלכע זיינען אַלע מאמינים בני מאמי־נים — ניט קוקנדיק אין וועלכן אופן זיין עבודה איז בכחותיו הגלויים, איז ביי אים דאָ שטענדיק (בגלוי — ועכ״פ בפני־מיות נפשו[50]) די אמונה בביאת המשיח (ניט נאָר „מאמין בו״, נאָר מחכה לביאתו[51]) — וועלכע זיינען אַ ציווי השם בתושב״כ ובתושבע״פ[52]; ואדרבה[53], וואָס שפּעטער מ׳געפינט זיך אין עקבתא דמשיחא, נעענטער צו דער גאולה, אַלץ מער און שטאַרקער איז דאָס מאיר באַ אידן.

45) ראה לקו״ת שה״ש שם, א ואילך.

46) ראה עד״ז בקונטרס ענינה של תורת החסידות בשוה״ג להערה 78.

47) יבמות לט, ב ובפרש״י שם.

48) ומה שהרמב״ם לפועל לא נהג כן — י״ל שהוא בכדי להעלות גם אלו שלא היו יכולים להגיע למדריגה זו דאמירה על כוס ה׳, ולכן „הי׳ מכוין לכלול קריאת הלל הגדול על כוס של יין״, אף שאי״ז מגוף ועצם האמירה על כוס ד׳.

49) ועד״ז בחק יעקב שם.

50) ראה רמב״ם הל׳ גירושין ספ״ב.

51) רמב״ם הל׳ מלכים רפי״א: פי״ב סה״ב.

52) רמב״ם שם.

53) ראה גם בהנסמן בהערה 46.

**און דעריבער איז דוקא בדורות האח־רונים נתגלה און נתפשט געוואָרן דער מנהג פון „למזוג כוס א׳ יותר מהמסובין וקורין אותו כוס של אליהו הנביא״, כאָטש אַז אין די פריערדיקע דורות געפינט מען ניט וועגן דעם (בגלוי),**

**און דאָס איז א) „כוס** אחד**״ ב) ער איז** יותר **מכל (– מכללות) המסובין.**

**ועפ״ז יש לבאר דעם דיוק הלשון פון אַלטן רבי׳ן „למזוג כוס א׳ יותר** מהמסובין **וקורין אותו כו׳״ – דערמיט איז דער אַלטער רבי מרמז, אַז אליהו הנביא קומט און ווערט איינער פון די** מסובין בשולחן הסדר

**– ווייל די אמונה פון אידן בליל זה, לילה שנגלה עליהם ממה״מ הקב״ה בכבודו ובעצמו**[54] **און וועלכע קומט בגלוי ובגשמיות (כוס ויין) – דאָס גופא ברענגט און איז מעורר אַז אליהו הנביא זאָל זיך געפינען באַ יעדן סדר, אַלס –** יותר **מכל המסובין, אָבער ביחד עם זה שטייט זיין כוס צוזאַמען, אויפן זעלבן שולחן מיט כוסות המסובין –** אחד **מן המסובין.**

(משיחות ש״פ קרח תשד״מ, ליל ב׳ דפסח תשכ״ט)

54) **נוסח ההגדה פיסקא מצה זו ושם לפנ״ז פיסקא ויוציאנו.**